בס"ד

גליונות לשבת קודש

גליונות של דברי תורה
וסיפורי צדיקים

וְהָיוּ תוֹצְאֹתָיו יָם הַמֶּלַח
(במדבר לד יב)

פרשת
מטות מסעי
תשפ"ה

חזק חזק ונתחזק!

הליכות החיים

מכון הליכות החיים
בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

מטו"מ - דברים | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תפ"ה

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

גליון זה נתנדב

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

הרה"ח ר' אליעזר ישעי' בידערמאן הי"ו

לרגל השמחה במעונו באירוסי בתו **הכלה החשובה** תחי'

עב"ג הבחור החתן כמר **יוסף** ני"ו בן ידידנו מוה"ר **אנשיל אונגער** הי"ו בשעטומ"צ

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל
השפעות טובות ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

הרוצה בתשובה

אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (מא)

הלכות פון וואשן וועש

שאלה: וואס זענען די הלכות לגבי וואשן וועש אין די ניין טעג?

תשובה: מען טאר נישט וואשן קיין וועש אין די ניין טעג אפילו אָן זייף, אויך אויב מען וויל עס אנטון ערשט נאך תשעה באב.

אויך זאל מען נישט געבן אין די ניין טעג קליידער צו רייניגן, אפילו אויב מען זאגט אז מען זאל עס רייניגן ערשט נאך די ניין טעג.

א קלייד וואס איז שמוציג געווארן

אויב א קלייד איז שמוציג געווארן אויף עטליכע פלעצער, מעג מען עס אפפוצן, און בשעת הדחק אויך אפוואשן מיט וואסער די פלעצער וואו עס איז פארשמוצט.

אויב מען פארט אוועק

אויב מען פארט אוועק ערגעץ אויף עטליכע טעג, טאר מען נישט וואשן קיין וועש דארט, דערפאר זאל מען מיטנעמען גענוג וועש פאר די אלע טעג וואס מען געפינט זיך דארט.

ביגלען און צוזאמענלייגן קליידער

שאלה: וואס איז די הלכה לגבי ביגלען אין די ניין טעג?

תשובה: מען טאר נישט ביגלען קיין קליידער אין די ניין טעג, אפילו אויב מען האט עס אויסגעוואשן פאר די ניין טעג און אפילו אויב מען האט שוין געטראגן דאס קלייד. מען מעג אבער צוזאמענלייגן וועש.

אזוי אויך, טאר מען נישט פאררעכטן א שטריימל אין די ניין טעג.

וואשן וועש דורך א גוי

שאלה: אויב עס איז וויכטיג, קען מען אין די ניין טעג וואשן וועש דורך א גוי?

תשובה: אלעס וואס עס איז אסור צו טון אין די ניין טעג אליין, טאר מען אויך נישט טון דורך א גוי.

וואשן וועש פאר קליינע קינדער

שאלה: קינדער וואס האלטן זיך נישט ריין, מעג מען וואשן פאר זיי וועש?

תשובה: מען מעג וואשן וועש פאר קינדער וואס האלטן זיך נישט ריין, וואס דאס איז געווענליך ביז זיבן יאר.

פאר עלטערע קינדער וואס מאכן זיך כסדר שמוציג קען מען מקיל זיין ביז די צען יאר צו וואשן (דאס יאר וואס אגאנצע וואך פון די ניין טעג

פארמערן אהבת חנם

אין דער באוואוסטער הייליגער תפילה פון רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל בעטן מיר, "אדרבה שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם חלילה". יעדער מענטש האט זיך זיינע ענינים אויף וועלכע ער דארף ארבעטן און וואס ער דארף מתקן זיין, און ווילאנג מען געפינט זיך דא אינעם עולם המעשה איז קיינער נישט בשלימות. די בקשה וואס מיר בעטן, איז אז מיר זאלן קענען זען אינעם חבר דעם גוטן חלק, די מעלות טובות, דעם ריינעם רצון זיינעם צו דינען השי"ת; און נישט זיינע חסרונות, חלילה. און עס איז דא ביי יעדן איינעם גוטס. יעדער איינער האט אין זיך פיל גוטע מעלות.

ווען דעם ענין, ווי ווייט עס זענען דא, און וויפיל מיר דארפן זען צו דערקענען אין א צווייטן זיינע גוטע מעלות, האט א חשוב'ער מגיד שיעור פון ארץ ישראל דערציילט א שיעור די פאלגנדע געשיכטע:

"ל"ג בעומר תשפ"א - דאס איז א טאג וואס קיינער פון אונז וועט נישט פארגעסן. יענעם טאג האט דער רבוש"ע צוריקגענומען צו זיך פינף-און-פערציג טייערע נפשות, וועלכע זענען טראגיש אומגעקומען ביים אתרא קדישא אין מירון, צום גרויסן צער פון אחינו כל בית ישראל איבער דער גארער וועלט.

"מיר זעלבסט האט יענעם טאג אפגעווארט א פערזענליכע שווערע בשורה, אז מיינער א תלמיד, א חשוב'ער בחור אין זיינע בליענדע יארן, איז ליידער אויך געווען צווישן די אומגעקומענע, ווערנדיג צעדריקט אין דעם שרעקליכן געדראנג וואס האט זיך געשאפן ביים ציון הק'. איך האב פארשטאנען אז ווי דער סדר איז, וועל איך דארפן דעם תלמיד מספיד זיין אויפצומארגנס ביי זיין לוי'.

"אויסער דעם צער פון זען ווי א יונגער תלמיד, וואס קוים נעכטן איז ער געווען געזונט און פריש, און יעצט ווערט ער באגלייט צו זיין אייביגער רו פון איין טאג אויפ'ן אנדערן, האב איך אויך געהאט פאר זיך א שווערע דילעמע, וואס צו זאגן אויף דעם תלמיד ביים הספד. איך וועל עס ערקלערן מיט אייןווארט: איך האב געפילט ביי זיך אז ליידער האב איך נישט וואס צו זאגן.

מתוך דרשות
הרה"ג רבי **שלום שרגא פייש פאפלאנאש** שליט"א

כישוף בזמן הזה (א)

מפתח: וואס האבן אונזערע רבי'ס געזאגט בענין כישוף והמסתעף / איז נאך דא היינט כישוף? / וואס איז דאס בכלל כישוף / די פארשידענע ערליי אחיזת עינים / די קאטשקע פון די אב הרחמים / מעג מען זיך באנוצען מיט שדים? / מעג מען זיך לאזן היפנאטייזען? / צענדליגער שאלות ותשובות פון גדולי הפוסקים אויף א מעשה שהיה / ענטפערן אמן העלפט קעגן כישוף / די מציאות אז קושטא קאי כישוף לא קאי / מאכען 'מעדזשיק' מותר אדער אסור? / וויאזוי ארבייט מעדזשיק

הקדמה: מיר וועלן מיטן אייבערשטענס הילף אנהייבן די שיעור איבער די נושא פון כישוף בזמן הזה, איך שטעל זיך פאר אסאך טראכטן איז יא דא כישוף היינטיגע צייטן, איז נישטא כישוף היינט, ווי אזוי ארבעט בכלל כישוף?, וואס איז דאס כישוף? ווי אזוי ווייסט מען ס'איז בכלל כישוף.

נאכדעם וועלן מיר אויך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטענס הילף די שאלה איבער מאכן מעדזשיק טריקס- ווי מ'רופט עס, דער עולם האט שוין אפשר אמאל געהערט אז ס'איז דא א **חכמת אדם** וואס זאגט אז מ'טאר נישט מאכן קיין מעדזשיק טריקס וועלן מיר אביסל רעדן ווי אזוי מ'מאכט מעדזשיק, וויפיל מיני מעדזשיק וועגן ס'איז דא, מ'וועט אויסשמועסן וואס איז א שאלה און וואס איז נישט א שאלה, ווי אזוי מ'קען זיך מיט דעם א עצה געבן?, וואס איז די היסטאריע פון די אלע זאכן זענען וואס דאס האט געברענגט?, מ'וועט פארשטיין ס'איז דא מעשה שדים, מלאכי חבלה, די גאנצע זאך ארום און ארום, וואס אלע נפקא מיניה'ס וועלן זיין.

כישוף אין חז"ל

אבער קודם וועלן מיר אנהייבן מיט די באקאנטע **גמרא** אין **סנהדרין** דף ס"ז, דארט פארציילט די גמרא[א], אז **זעירי** איז געגאנגען צו אלכסנדרי' אין מצרים, ער האט געוואלט א אייזל צו קענען רייטן אויף דעם, האט מען אים פארקויפט א אייזל, א שיינע אייזל, א גרויסע אייזל, אינמיטן האט ער געטראכט די אייזל דארף מסתמא טרינקען, איז ער צוגעפארן מיטן אייזל צום וואסער, און אזוי ווי די קאפ פון די אייזל שטעקט זיך אריין אין וואסער ווערט ער געוואר ער זיצט אויף א ברעט, ווי חז"ל זענען מסביר כישוף ווערט בטל אין וואסער, ווען מ'נעמט א זאך וואס איז א כישוף, מ'מאכט מיט כישוף א זאך זאל אויסקוקן למשל ווי דארט איז געווען א מעשה מ'האט גענומען א האלץ און געמאכט אויסקוקן ווי א אייזל, און מיט מכח הכישוף האט זעירי אפגעקויפט אזוי דעם אזוי גערופענעם אייזל, און די אייזל האט שפאצירט, אבער די רגע ער איז אנגעקומען צום וואסער איז בטל געווארן די כישוף, און זעירי האט זיך געטראפן אויף א ברעט אין וואסער, אזוי פארציילן חז"ל.

מיט די געדאנקן פון חז"ל מיט די מציאות ווי אזוי כישוף ארבעט, איז דא א **ספר** ס'הייסט **קהילת יצחק**, - א איד וואס האט געוואוינט אין ווילנא בערך פאר הונדערט צוואנציג יאר צוריק, און ווען ס'איז געקומען א מגיד אין שטאט האט ער אפגעשריבן זיינע תורות אויב ס'איז געווען א שיינע תורה האט ער עס פארשריבן, - דאס האב איך געהערט פון מיין חבר וואס האט געהערט פון א מגיד זאגט ער אזוי. מ'געפינט אין פרשת שמות אז די פלאן פון פרעה איז געווען צו נעמען יעדע אידיש קינד און אים אריינווארפן אין ים אריין, די גמרא אין סוטה איז שוין דן באריכות פארוואס דוקא האט ער געוואלט אויסוועלן צו הרג'ענען אידן אין וואסער, ער האט נישט געקענט אויסוועלן אז מ'זאל זיי הרג'ענען אדער פארברענען? די גמרא האט א

תוספות המאי"ר

א. לשון הגמרא איז: זעירי איקלע לאלכסנדריא של מצרים זבן חמרא כי מטא לאשקוייה מיא פשר וקם גמלא דוסקניתא אמרו ליה אי לאו זעירי את לא הוה מהדרינן לך מי איכא דזבין מידי הכא ולא בדיק ליה אמיא:

שיחת המלאכי"ם

משיעורי הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א

פרשת מטות מסעי [חלק א'] תשפ"ה לפ"ק

אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים

מען שטייט שוין דא אין די ניין טעג, באלד קומט שוין תשעה באב, געוואלד און געשריגן רבותי. נאך א יאר איז שוין אדורך געלאפן, **עבר קיץ כלה קציר ועדיין לא נושענו**, אונז זענען מיר נאך אלץ אין גלות.

וויאזוי האלט מען א צייטונג?

ר' יענקעלע גאלינסקי זצ"ל פלעגט פארציילן אז ווען ער איז געווען א קינד ער האט געוואוינט אין א שטעטעלע אינדערהיים וואס האט געהייסן קריניק, רוב מענטשן אין קריניק רוב ווייבער אין קריניק די מאמעס דארטן האבן נישט געקענט ליינען, זיין מאמע איז געווען מער אביסל אזא געלערנטע פרוי, זי האט געליינט, די צייטונג פלעגט אנקומען יעדן אינדערפרי, רוב ווייבער האבן נישט געקויפט די צייטונג ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי קענען נישט ליינען, ביי די גאלינסקי משפחה פלעגט אנקומען די צייטונג.

עס פלעגט זיין א מנהג יעדן אינדערפרי, די אלע באבעלעך פלעגן זיך צאמקומען צו די גאלינסקי'ס הויף, און מען פלעגט ווארטן אז זי זאל ארויסקומען און פארציילן די נייעס וואס טוט זיך אין די וועלט, זי האט געהאט די צייטונג און זי האט פארציילט די נייעס, אסאך מאל האט זיך געמאכט אז די באבעלעך זענען שוין אנגעקומען מיט זייערע קאוועס הערן די נייעס און זי איז נאך געווען פארנומען אין קאך גרייטן עסן פאר די קינדער א פרישטאג, און וואס טוט מען דערווייל ווען מען זיצט אינדרויסן, דערווייל נעמט מען די צייטונג און מען קוקט אויף די פיקטשערס מען קוקט אויף די בילדער, יא, א צייטונג האט דאך פיקטשערס, מען קוקט די בילד יענע בילד, בילדער קען מען זען אפילו דו קענסט נישט ליינען.

ויהי היום, עפעס א עלטערע פרוי איז אנגעקומען אינדערפרי, און מרת גאלינסקי איז נאך אינעווייניג אין קאך, און זי איז א עלטערע פרוי און זעצט זיך שוין אוועק אויפן בענקל מיטן קאווע און זי קוקט אויפן צייטונג, אינמיטן נעמט זי זיך שרייען אריין: שרה, לאז אפ דארטן די גאנצע גריז, לאז אפ לאז אפ די עסן, די וועלט ווערט חרוב, ווי קענסטו יעצט געבן צו עסן פאר דיינע קינדער ווען די וועלט קערט זיך איבער, קוק וואס איז געשען...

זי הערט אז עס איז צרות, זי געט א לאז אפ די האנטוך מיט אלעס און לויפט ארויס, וואס איז געשען, קוק וואס דא איז געשען, עס האט זיך איבער געקערט מענטשן שטארבן מענטשן פאלן ווי פליגן, וואס? איך ווייס נישט קוק אויף דעם בילד מען זעט רח"ל וואס דא גייט פאר עס האט זיך איבערגעקערט א ריזיגע בנין, מענטשן ליגן אויף דער ערד טויט, קוק דאס אן, בלוט גיסט זיך עס איז געפערליך...

זי געט א כאפ אן די צייטונג, און ווי נאר זי זעט דאס נעמט זי זיך לאכן... זי האט נישט געקענט אויפהערן לאכן... וואס לאכסטו? זאגט זי איך ווייס נישט וואס דו ווילסט? די פיקטשער דא ווייזט אז אין אמעריקע בויעט מען יעצט א ריזיגע נייע שיף, א ריזיגע נייע שיף, זעקס שטאק, ס'ווייזט א פיקטשער ווי אזוי מען בויעט עס, מען זעט ארבעטער שטייען פון אויבן מיט א האק און מען האקט מיט א האמער, דער האקט פון דא דער האקט פון דארט, דער שטייט פון אונטן און לייגט אריין א שרויף וכדומה.

גליון תורני

שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת מטות מסעי
תשפ"ה לפ"ק

נושא השבוע

בענין:
גבורת הנפש היהודית
בעת המלחמה
(ובכל זאת שמך לא שכחנו)

הרב
משה נחום קרויס
עורך

פארווארט

אונזער מאמר וועלן מיר בעז"ה אנפאנגן מיט א מעשה וואס מיר האבן געהערט פונעם חרדישן מלחמה היסטאריקער הרב החסיד ר' ישראל גאלדוואסער שליט"א, א מעשה וואס האט אונז טיף איבערגענומען, די ווערטער פון **ובכל זאת שמך לא שכחנו** האט באקומען א עמקותדיג'ן באדייט, און מיר זענען זיכער אז עס וועט אייך קוראי השער אויך איבערנעמען. אינעם מאמר וועלן מיר ארומרעדן איבער די לעבעדיגע עדות פונעם וועלט-בארימטן פסיכילאג **ויקטור פראנקל** וואס האט מיט די אייגענע אויגן צוגעזעהן די צער און פיין וואס זיינע אידישע ברידער זענען אריבער אין די לאגערן, אבער ער האט געזעהן עפעס וואס נישט צופיל האבן געזעהן, ער האט געזעהן די **גבורת הנפש היהודית**, די **משמעות החיים** meaning of life וואס האט געהאלטן די תורה טרייע אידן ביים לעבן, און שפעטער האט ער ארויסגעגעבן זיין וועלט בארימטן בוך וואס מיליאנען האבן עס געליינט און איז געשריבן ווארן אין עטליכע שפראכן. ווי אויך וועלן מיר ארומרעדן איבער די גבורה פון אונזערע רביים און מנהיגים בשעת'ן מלחמה ובפרט פונעם רבי'ן פון מיין גרויסן זיידן הגאון החסיד **רבי שמואל קרויס זצ"ל** דער שרף וקדוש האדמו"ר **רבי יהושע בוקסבוים** זכר צדיק וקדוש לברכה הי"ד רב וראש **ישיבת גאלאנטא**, ערשטהאנטיגע מעשיות, און א **חלום נורא** וואס זקיני האט געהאט פון זיין רבי'ן זצ"ל.

ובכל זאת שמך לא שכחנו

פארציילט רבי ישראל, געווען איז עס ווען הגאון **רבי ישראל משה אלעווסקי זצ"ל** ראש ישיבת בית ישראל (גור) האט געזוכט א נדבן בשעת מ'האט געבויט די ישיבה.

איינער האט אים אנגעטראגן א נדבן א קריגס איבערלעבער וואס האט ליידער טראגיש פארלוירן זיין אשת נעורים מיט זיין טאכטערל ביי די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה השם יקום דמם. דער נדבן האט

מסכים געווען מנדב צו זיין פאר די בוי פונעם ישיבה, אבער האט זיך אויסגענומען אז ער וויל דייקא מנדב זיין דעם חדר האוכל ווי די בחורים עסן, ווייל עס ליגט אים אין די ביינער די צער און הונגער פיין

אַז **חודש תשרי ווערט אַ פרישע לידה.** די נשמה ווערט פונדאָסניי געבוירן. דאָס איז ווי אַ בנין וואָס הייבט זיך אָן אום **ראש השנה**, ס'איז ממשיך אין די **עשרת ימי תשובה** און דערנאָך **יוה"ק.** די נשמה וואַקסט פון איין שטאַפּל צום אַנדערן. צוערשט דורך די עבודה פון **יראה** און **תשובה**, און דערנאָך קומט **סוכות** ווען די נשמה בויעט זיך מיט **אהבה** און **דביקות** צום רבוש"ע. וימינו תחבקינו. ביז מען ענדיגט מיט **הושענא רבא** און **שמחת תורה.**

אין די דריי וואָכן פון חודש תשרי **ווערט מען ממש איבערגעבויעט אינגאַנצן.** די חיות פון אונזער נשמה, די שייכות וואָס אַ איד האָט מיט'ן רבוש"ע, דאָס אַלעס וואַקסט אין חודש תשרי פאַר'ן קומענדיגן יאָר. אַלע מצוות און מעשים טובים וואָס דער איד טוט במשך דעם יאָר, איז **ווי אַ 'תולדה' וויאַזוי זיין נשמה האָט זיך געבויעט** אין דעם חודש תשרי.

'בין המצרים' איז דער פונדאַמענט פאַר'ן חודש תשרי

צדיקים האָבן מסביר געווען אַז די דריי וואָכן פון 'בין המצרים' איז די הקדמה פאר חודש תשרי, אַזויווי ווען אַ מענטש וויל מאָלן אַ שיין בילד, **מאַכט ער צוערשט אַלעס שוואַרץ, און אויף דעם הייבט מען אָן מאָלן אַלע לעכטיגע קאָלירן וואָס ווערן אַ געשמאַקע בילד.**

דאָס זעלבע זענען די טעג פון 'בין המצרים'. דעמאָלט בויעט זיך די שייכות צווישן אַ איד מיט'ן רבוש"ע **אויף אַן אופן פון קטנות**, און דערנאָך ווערט דערפון דאָס הערליכע בילד פון חודש תשרי.

דער חילוק צווישן צוויי באַטייליגטע ביים חתונה

מ'קען אַסאַך מאָל זען ביי אַ חתונה אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס קומען אַריין טרוקענערהייט צו זאָגן מזל טוב, ווייל ער גייט מאָרגן טרעפן דעם מחותן אין ביהמ"ד, און **ס'וועט אים זיין אומבאַקוועם זיך צו דאַרפן פאַרענטפערן פאַרוואָס ער איז נישט געווען ביי דער שמחה...** אָבער ער פריידט זיך נישט באמת מיט. ס'איז אים בכלל נישט נוגע די גאַנצע שמחה.

צומאָל איז דאָס אפילו גילטיג ביי נאָנטע בני משפחה, ברידער אָדער שוואָגערס, וואָס קומען אפילו גאָר פרי צו דער שמחה, ווייל ער איז דאָך דער ברודער פונעם חתן, אָבער זיין התרגשות איז נישט מורא'דיג גרויס... אָבער פון דער אַנדערער זייט זעט מען אַמאָל וואו ס'קומט אַריין אַ יונגערמאַן וואָס האָט געלערנט מיט דעם חתן אין ישיבה קטנה, און **ער פריידט זיך אַזוי שטאַרק מיט דער שמחה.** אָדער ווען ס'קומט אָן אַ נאָנטער ידיד מיט'ן מחותן, און ס'איז קענטיג אַז זיי האָבן דאָ אַן אמת'ע טיפע שייכות צו דער שמחה.

וויפיל מ'האָט זיך מיטגעשפּירט די צער, אַזויפיל פריידט מען זיך

געוועגליך איז דאָ איין עיקר נקודה וואָס מאַכט דעם חילוק צווישן אַ טרוקענע שמחה און אַ געפיל מיט דער שמחה, **דאָס איז דער כלל פון 'שמחינו כימות עיניתנו'.** וויפיל דו ביסט דאָרט געווען ווען יענער האָט זיך געמוטשעט, אַזויפיל פרייסטו זיך מיט, ווען יענער איז פרייליך.

צום ביישפּיל: ווען אַ יונגערמאַן האָט געלערנט מיט דעם בחור אין ישיבה קטנה, און **ער האָט מיטגעהאַלטן ווי ס'גייט אים נישט אין ישיבה, און וויאַזוי ער איז נישט מצליח מיט חברותות.** דער יונגערמאַן האָט אים כסדר מחזק געווען: "וועסט זען אַז אויב דו וועסט ווייטער לערנען, וועט דיך דער רבוש"ע העלפן, דו גייסט מצליח זיין". דער יונגערמאַן האָט געזאָגט תהלים פאר דעם בחור, ער האָט אים אינזין געהאַט ביים דאַווענען. אַצינד ווען ער קומט אָן צו דער חתונה, שפּירט ער אַ געפיל פון 'אכן שמע אלקים הקשיב בקול תפלתי'... **די התרגשות איז אַזוי גרויס. ס'איז געשען!** ער פריידט זיך אַזוי שטאַרק מיט דער שמחה.

נאָך אַ ביישפּיל: ווען ס'איז דאָ אַ חתונה פון אַ זיווג שני, און ס'קומט דאָרט אַן אַ נאָנטער חבר פונעם חתן, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט אים אין אַלע שווערע זמנים. דער יעצטיגער חתן פלעגט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר אים, זיי זענען צוזאַמען געפארן צו מקומות הק' צו אויס'פועל'ן אַ ישועה, **זיי האָבן צוזאַמען געוויינט אויף אַלע דורכגעפאַלענע שידוכים וואָס איז נישט צושטאַנד געקומען.** זיי האָבן צוזאַמען מיטגעלעבט ימים טובים ווען מ'האָט געדאַרפט אַרבעטן שווער זיך צו מחזק זיין צו בלייבן בשמחה טראָץ דעם שווערן מצב.

אַצינד האָט השי"ת געהאָלפן און ער קומט אָן צו דער חתונה, ווען זיין חבר בויעט אַ נייע שטוב. ס'איז דאך אַזאַ טיפע שמחה! **טאַקע וויבאַלד ער האָט מיטגעהאַלטן בעת צרה, פאַרשטייט ער ריכטיג וואָס איז יעצט געשען**, ער קען זיך באמת מיטפרייען מעומק הלב.

דאָס איז אייגנטליך דער יסוד פון (תענית לב, ב): **'כל המתאבל על ירושלים, זוכה ורואה בנחמתה'.** דער איד וואָס האָט מיטגעוויינט מיט די שכינה הק', ער האָט אַזוי שטאַרק געוואַרט און געטרויערט אויף דעם צער פון השי"ת, וועט שפּעטער זוכה זיין אַז **בשעת די ישועה וועט ער זיין אַ הויפּט מחותן.** ער וועט באמת זיך קענען מיטפרייען!

לויט די עבודה פון 'בין המצרים' אַזוי איז די התרגשות פון 'תשרי'

דאָס זעלבע שפּילט זיך דאָס אָפּ יעדעס יאָר **דורכאויס די טעג פון 'בין המצרים' און דער נאָכפאָלגענדער חודש תשרי**, וועלכע זענען געקניפּט און געבינדן איינס מיט'ן אַנדערן.

ווען אַ איד וויינט אין די דריי וואָכן אויף דעם צער השכינה, אויף דעם מצב פון כלל ישראל, אויף די שווערע נסיונות וואָס אידן גייען דורך, **ס'טוט אים אַזוי וויי אַז אידישע קינדער זענען נעבעך צעשמיסן ברוחניות ובגשמיות**, וויפיל האָרעוואַניע דאַרף מען האָבן אויף יעדע משהו דבר שבקדושה. עס ווייטאָגט אים דאָס האַרץ: אַזוי דאַרפן אידן אויסקוקן? אַזויפיל בחורים וואַלגערן זיך ליידער אויף די גאַסן, אַזויפיל צענדליגער טויזנטער אידן ווייסן נעבעך נישט פון קיין 'שמע ישראל'. זיי זענען דאָך אויך אידן! **ער וויינט און שפּירט די ווייטאָג פון דער שכינה הק'.** אַזוי קוקט אויס ירושלים? אַזוי קוקט אויס כנסת ישראל?

שפּעטער ווען ס'קומט חודש תשרי און דער איד זעט וויאַזוי אידישע קינדער טוען תשובה, וויאַזוי אידן זענען מקבל עול מלכות שמים מיט מלכיות זכרונות שופרות, וויאַזוי אידן טאַנצן מיט אַ תורה, **ברענגט דאָס אים אַזאַ התרגשות!** ער דאַוונט ראש השנה אין אַ ביהמ"ד מיט טויזנטער אידן, און ער איז זיך מצייר וויאַזוי ס'קוקט אויס אין אַנדערע בתי מדרשים מיט נאָך טויזנטער אידן, און **אַלע זענען ממליך דעם אויבערשטן!** אַלע בעטן זיך 'מלוך על כל העולם כולו בכבודך', אַלע שרייען אויס 'ויתנו לך כתר מלוכה'. דער איד פריידט זיך אַזוי שטאַרק. **ס'רינט אים טרערן פון התרגשות זעענדיג וויאַזוי דער רבוש"ע האָט אַזאַ הייליג פאָלק.** שפּעטער זעט ער וויאַזוי אידן לאָזן איבער אַלעס און גייען בויען אַ סוכה מיט אַ חביבות און אַ שמחה של מצוה, אידן טאַנצן ביי שמחת בית השואבה... דאָס ברענגט אים אַזאַ שמחה.

דער איד איז געווען מיט'ן רבוש"ע **אין די שווערע צייטן** כביכול, אין די טעג פון 'בין המצרים'. דאָס מאַכט אַז שפּעטער האָט ער אַן התרגשות'דיגער קשר אויך **אין די לעכטיגע טעג** פון תשרי, ווען מ'זעט דעם 'טוב הנגלה'.

ב

כאיל תערוג; די בענקשאַפט ווען ס'איז טונקל, בויעט אַ נאָנטקייט ווען ס'איז ליכטיג

די מיטגעפיל בויעט דעם יסוד הבנין

באמת איז דאָס טאַקע די באַדייט פאַרוואָס מ'דאַרף אַרבעטן שווער צו באַקומען שכר, כדי ס'זאָל נישט זיין קיין 'נהמא דכסיפא'. דער רבוש"ע וואָלט געקענט מאַכן אַז מ'זאָל גלייך באַקומען דעם גאַנצן גוטס פון עולם הבא, אָבער אויב מ'וואָלט נישט געאַרבעט שווער דערפאַר, **וואָלט דער מענטש נישט געבויעט אַ פונדאַמענט וואו ס'זאָל קענען חל זיין דער קנין פון דער קדושה.** די שכר פון עולם הבא וואָלט קיינמאָל נישט געקענט ווערן אַ חלק פון דעם מענטש.

דוקא נאָכדעם וואָס דער איד האָט מיטגעוויינט און מיטגעשפּירט דעם צער השכינה, **ווערט ער אַ חלק פון דעם בנין.** מ'קען נישט בויען אַ געביידע אָן קיין יסודות טיף אין דער ערד. טאָמער אַ איד איז מיט'ן רבוש"ע ווען דער מצב איז ליידער אין דער ערד, **דעמאָלט קען ער שפּעטער זיך מיטפרייען ווען מ'שטעלט אויף דעם בנין פון קדושה**, און ס'גייט אים אַריין טיף אין האַרץ. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס השי"ת האָט געמאַכט אַז יעדע דבר שבקדושה זאל אָנקומען אַזוי שווער.

בעזהי"ת
הוראות-אנווייזונגען למעשה פון די פרשה פון די וואך
לג
שנה לצאת העלון

"שמעו ותחי נפשכם"

העורך: הרב יצחק עידו וובר ארליך שליט"א
מתורתו של הגאון הצדיק רבי משה וובר זיע"א
פרשת מטות מסעי ר"ח א' אב תשפ"ה

הוראות-אנווייזונגען למעשה לויט די ווערטער פונעם של"ה הקדוש

הוראה למעשה

א מענטש דארף זיך פירן לויטן שכל הישר וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען.
אויב פירט ער זיך נישט לויט זיין גלייכן שכל, איז ער א זינדיגער, אזוי ווי מיר געפינען ביי בלעם אז ער האט געזאגט: "חטאתי כי לא ידעתי", און לכאורה איז שווער: אויב האט ער נישט געוואוסט - פארוואס ווערט אים גערעכנט אז ער האט געזינדיגט? נאר דער תירוץ איז, אז דער אויבערשטער האט געגעבן פארן מענטש שכל צו פארשטיין און צו קלוג ווערן, וואלט בלעם געדארפט פארשטיין אז דער אויבערשטער וויל נישט אז ער זאל גיין.

דער זאך, אז דער מענטש דארף זיך באניצן מיט זיין גלייכן שכל, געפינען מיר אויך אין דער לשון הגמרא. די גמרא זאגט: "הא למה לי קרא, סברא היא".

דער מקור אין די פרשה: "ויקצוף משה על פקודי החיל... ויאמר להם משה החייתם כל נקבה הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם" (במדבר לא, יד). דאס מיינט, אז זיי זענען געווען די וועלכע האבן צוגעברענגט דאס גאנצע שאדן וואס איז געשען.

הוראה למעשה

מען דארף צוגעוואוינען דעם צונג, צו רעדן רייד פון חכמה און מוסר. מען דארף צום ערשט דערמאנען דעם עיקר און דערנאך דעם טפל, און נישט פארקערט.

דער מקור אין די פרשה: "גדרות צאן נבנה למקננו וערים לטפינו", (במדבר לב, טז). זאגט רש"י: זיי האבן געשוינט אויף זייער געלט, מער ווי זייערע זין און זייערע טעכטער, ווייל זיי האבן צום ערשט דערמאנט זייערע בהמות און דערנאך זייערע קינדער. האט משה געזאגט צו זיי: נישט אזוי זאלט איר טון. מאכט דעם עיקר - אן עיקר, און דעם טפל - א טפל, בויט צום ערשט שטעט פאר אייערע קינדער, און דערנאך צוימען פאר אייערע שאף.

די פאלגנדע פסוקים לאזן אונז וויסן, אז די קינדער פון גד און פון ראובן האבן טאקע אנגענומען די מוסר וואס משה האט זיי געזאגט, און אזוי איז דער פסוק מעיד אויף זיי: "ויאמר בני גד ובני ראובן אל משה לאמר עבדיך יעשו כאשר אדוני מצוה. טפינו נשינו מקנינו וכל בהמתינו", און זיי האבן צום ערשט דערמאנט זייערע קינדער און זייערע פרויען, און נאר נאכדעם האבן זיי דערמאנט זייערע בהמות.

הוראה למעשה

עס ליגט א פליכט אויפן מענטש, אז ער זאל אלעמאל זיין באגלייבט אין זיינע רייד און אפהיטן דאס וואס ער זאגט ארויס פון מויל, און אפילו אויב ער האט עס נישט געזאגט מיט א לשון פון א נדר, און דעריבער וואלט ער נישט געווען מחויב מצד הדין דאס אויסצופירן, פונדעסטוועגן דארף ער מקיים זיין דאס וואס ער האט געזאגט, און אפהיטן די רייד פון זיין מויל. דאס אלעס איז געזאגט געווארן סיי אנבאלאנגט עניני נפשות און סיי אנבאלאנגט געלט זאכן – "ככל היוצא מפיו יעשה".

דער מקור אין די פרשה: "והיוצא מפיכם תעשו" (במדבר לב, כד). און רש"י ערקלערט: דאס וואס איר האט גענומען אויף זיך צו גיין מלחמה האלטן ביז ווען מען וועט איינעמען און צוטיילן ארץ ישראל, ווייל משה האט זיי געבעטן "ונכבשה ואחר

פארזעצונג אינעם קומענדיגן זייט

נקיי הדעת שבירושלים

לאמיר יעצט גיין קיין ירושלים

ער שבת קודש נאכמיטאג. דער זון גליטשט זיך שוין קיין מערב זייט. א רויטליך קאליר זעט זיך אין די הימלען. א לייכטע ווינטל בלאזט אהין און אהער די בלעטער אויף דיביימער. עס זעט אויס ווי די גאנצע בריאה איז יעצט באשעפטיגט מיטן זינגען שירות ותשבחות צום גרויסן באשעפער. איינגעהילט אין ווייסע זיידענע קליידער, שטייען דער אר"י הקדוש מיט זיינע הייליגע תלמידים אויפן פעלד אינעם הייליגן שטאט צפת, כדי אויפצונעמען דעם הייליגן שבת המלכה. זייערע פנימ'ער שיינען מיט א געוואלדיגן ליכטיגקייט וואס איז אויסגעשפרייט אויף זיי פון באהאלטענע וועלטן. די אויגן פונעם אר"י הקדוש זענען דעמאלטס שטארק פארמאכט. א זעלטענע און הערליכע ליכטיגקייט זעט זיך אן אין זיי.

פלוצלונג עפנט ער זיינע אויגן און ער זאגט צו זיינע תלמידים: "לאמיר יעצט גיין קיין ירושלים".

דעם ציון פונעם אר"י הקדוש

א פולע שטילקייט האט זיך אראפגעלאזט אויפן גאנצן בריאה אינדערצייט וואס ער האט געזאגט אט די ווערטער. "איך ווייס וואו די אפר פרה האדומה ליגט באהאלטן", האט ער ווייטער געזאגט ווען זיינע אויגן זענען נאך אלץ פארמאכט. "מיר וועלן זיך רייניגן, און בויען דעם בית המקדש, און מקריב זיין דארט די קרבנות פונעם שבת. אין דער יעצטיגער צייט וועט זיין די ענדע פונעם גלות".

א בליק פון פארוואונדערונג און פארלוירנקייט האט זיך אנגעזען ביי א טייל פון די תלמידים:

"וויאזוי וועלן מיר גיין קיין ירושלים, עס איז דאך ווייט פון דא מער ווי דרייסיג פרסאות"? האבן זיי געפרעגט.

אן אנדער טייל פון די תלמידים האבן זיך פארזיכערט אינעם רבי'ן, אז ער וועט מיט זיין כח זיי ברענגען קיין ירושלים אינעם זעלבן טאג דורך קפיצת הדרך, נאר זיי האבן געבעטן: "רבי, לאמיר צום ערשט פרעגן אונזערע פרויען אויב זיי ערלויבן אונז דאס צו טון, און דערנאך

פארזעצונג אינעם לעצטע זייט

מעשה על הפרשה

פרשת מטות מסעי
תשפ"ה

צוריק געשיקט די באנדע הינט

ויעל אהרן אל הר ההר וכו' וישמע הכנעני (לג לח-מ)

חז"ל זאגן אז פון דא זעט מען אז ווילאנג אהרן האט געלעבט האבן די גוים געהאט א פחד פון די אידן, און אינעם זכות פון אהרן, האבן זיי נישט געקענט לוחם זיין מיט די אידן.

פרישע גרינע שפראצונגען האבן זיך באוויזן אויף אלע זייטן פון שטאט. די פראסטיגע ווינטער האט נאכגעלאזט און א פרישקייט האט באנומען, דורכן אויפבלי' פונעם פרישן פרילינג סעזאן. די גערוכן פון די פרישע בלומען האבן זיך פארשפרייט אומעטום, און די אידן פונעם שטאט פולנאה האבן זיך געלאזט אין וועג, צוזאמען מיט זייער רב, הרה"ק דער תולדות יעקב יוסף זי"ע, גייענדיג צופיס צו א גארטן וואו עס זענען געוואקסן פרוכטביימער, צו מאכן די ברכה אויף די ביימער, און דאנקען דעם אויבערשטן 'שלא חסר בעולמו כלום', ער האט אלעס אינזין געהאט און גארנישט אויסגעלאזט.

אינמיטן וועג, זענען זיי פארביי געגאנגען א גרויסער שיינער פאלאץ, ארום גענומען מיט געביידעס און הערליכע גערטנער, דארט האט געוואוינט דער שר העיר, וועלכער איז אצינד געשטאנען ביי א פענסטער פון וואו ער האט געהאט א שיינע אויסבליק צום גאס, און ער האט באטראכט זיינע פילע פרעכטיגע גערטנער וואס האבן פון פריש אנגעהויבן בליען און גענומען באצירן זיין שיינעם פאלאץ.

די גרופע גייענדע אידן זענען אריבער פאר זיינע אויגן, ער האט געזען דאס איידלקייט און דאס פחד מיט וואס אלע אידן גייען נעבן זייער רב און דעם כבוד וואס זיי געבן אים. דער שר העיר האט נאך אין זיין לעבן נישט געזען א מענטש זאל באקומען אזא סארט כבוד, און דאס האט אים שטארק געבאדערט, אזויפיל כבוד געבן זיי פאר זייער רב? ער האט דאס נישט געקענט אראפשלינגען, אין זיך האט ער יעצט געשפירט א שרעקליכע האס קעגן די אידן, און נאכמער קעגן זייער רב, און ער האט באשלאסן אז ער גייט טון למעשה און זיך נוקם זיין אין זיי.

איינע פון זיינע גרויסע הנאות וואס דער שר העיר פלעגט האבן איז געווען צו שפילן מיט הינטן, דאס האט ער זייער ליב געהאט און ער פלעגט כסדר איינהאנדלען נייע הינטן זיך צו שפילן מיט זיי און זיך אפגעבן דערמיט. דער שר האט שוין דאן געהאט צונויפגעזאמעלט איבער צוויי הונדערט און פופציג הינט, און ער פלעגט מיט דעם פארברענגען זיין צייט. ער האט אויפגענומען א ספעציעלער אויפזעהער, וועמען ער האט באצאלט זיך אפצוגעבן מיט די הינט, זיי צו געבן צו עסן און זיי האלטן אין די ראמען.

צו אזא ווילדע עצה האט אים זיין שנאה אין קאפ פארפירט אין די יעצטיגע מינוט ווען ער האט געשוימט פאר כעס אויף די אידן. ווען די אידן האבן זיך דערווייטערט פון זיין פאלאץ און געמאכט די ברכה אויף די ביימער, האט ער שנעל געלאזט רופן דעם אויפזעהער אויף די הינט, און ער האט אים געהייסן שטיין גרייט און קוקן ווען די אידן קומען צוריק פון זייער שפאציר, דאן זאל ער גוט אנרייצן די הינט, און דערנאך זאל ער זיי ארויסלאזן אויף די פריי, אז זיי זאלן לויפן אין דער ריכטונג פון די אידן און טון פאר זיי וואס זיי ווילן, זאלן זיי זיך אויסגעבן זייער כעס אויף די אידן.

דער תולדות צוזאמען מיט די ארטיגע אידן האבן געמאכט די ברכה אויף די ביימער, און זיי האבן זיך געווענדן אויפן וועג אהיים. דער הינטן טרייבער האט דאס באמערקט פון דערווייטנס, און ער האט זיך גענומען צו זיין ארבעט, מיט הנאה האט ער אין א קורצע צייט באוויזן אנצורייצן דעם גאנצן גרויסן מחנה פון הינט, און זיי געמאכט לויפן אין די ריכטונג פון די אידן, מיט ווילדע שרעקעדיגע קולות.

אזא מחנה פון הינט וואס שרייען אויף איינמאל אזעלכע אנגערייצטע קולות האט ארויסגערופן שרעק איבערן גאנצן שטאט, און ווי נאר די אידן האבן באמערקט וואס עס קומט פאר, האבן זיי זיך גאר שטארק דערשראקן, זיי האבן געזען אז זייער מצב איז גאר שמאל, די גרויסע מחנה קומט זיי אנטקעגן צו לויפן מיט א שטארקע אומפעט, און די הינט קענען לויפן שנעלער פון זיי, און וואו גייען זיי זיך יעצט ראטעווען. אינגאנצן דערשראקן האבן זיי זיך געווענדן צום תולדות און געשריגן פארלוירן און דערשראקן: "רבי! וואס טוען מיר דא?" "רבי! וואס וועט דא זיין?" אידן האבן אנגעהויבן זיך צעלויפן פאר שרעק, און נישט געקענט דערליידן דעם גאר געוואגטן רשעות וואס דער שר העיר מיט זיין געהילף באגייען יעצט קעגן זיי, ווען ער שטעלט זיי אריין אין אזעלכע ברוטאלע אומשטענדן אומזיסט נאר צוליב זיין וויסטע שנאה.

דער תולדות האט דאס באטראכט מיט א רואיגקייט, און ער האט זיך אנגערופן צו די דערשראקענע אידן און זיי געהייסן אז אלע זאלן גיין הונטער אים, און מען זאל אים לאזן גיין פון פארנט און אלעס וועט גוט זיין. די אידן האבן געפאלגט און זיך געשטעלט הונטערן צדיק. דער תולדות האט פארגעזעצט צו שפרייזן מיט א רואיגקייט ווען הונטער אים שפאנען די

א חסידישע מלוה מלכה

מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

שיכון סקווירא יצ"ו

מעשיות צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

רש"י הקדוש • כ"ט תמוז

רבינו שלמה בן ר' יצחק.

רש"י האט געהאט נאר דריי טעכטער. איינע האט חתונה געהאט צו דעם ריב"ן, דער צווייטער איידעם האט געהייסן רבינו מאיר בן ר' שמואל [ער איז געווען דער פאטער פון די בעלי תוספות דער רשב"ם, ריב"ם און רבינו ת"ם], און דער דריטער איידעם האט געהייסן רבינו אפרים.

רש"י'ס נשמה פאר א מתנה

הרה"ג ר' נתן געשטעטנער ז"ל האט דערציילט, און עס איז באקאנט, אז רש"י'ס פאטער ר' יצחק, האט געהאט גאר א גרויסע און טייערע דיאמאנט שטיין, וואס די גוים האבן זייער שטארק געוואלט אפקויפן פון אים, כדי עס אריינצולייגן אין זייער עבודה זרה, און ווי פארשטייט זיך האט ער עס נישט געוואלט פארקויפן. זיי האבן אים כסדר שטארק מפציר געווען דערויף, און זיי ווען צאלן א געוואלדיג גרויסע סומע געלט, אבער ער האט זיך בשום אופן נישט געבראכן עס צו פארקויפן.

איינמאל איז אויסגעקומען אז ער איז געפארן אויף א שיף צוזאמען מיט להבדיל די גוים, אינמיטן וועג האבן זיי אים נאכאמאל פרובירט צו מוטשען און משתדל זיין ער זאל עס פארקויפן, און זיי האבן אים געסטראשעט אז מ'וועט אים אריינווארפן אין ים, האט ער געזען אז ער איז אין א סכנה, האט ער זיך געמאכט ווי ער וויל עס שוין פארקויפן, ער איז שוין מסכים. ער איז געגאנגען דערמיט צום עק פונעם שיף, און דארט אזוי באטראכטנדיג דעם שטיין, האט ער זיך געמאכט ווי ער האט געכאפט א גליטש און דאס שטיין איז אריינגעפאלן אין ים. ער האט אזוי שאדן געהאט זיין גאנצע פארמעגן.

אזויווי ער האט דאס געטון האט ער געהערט א בת קול פון הימל וואס זאגט אים, אז אין דער זכות וואס ער האט עס געטון וועט ער זוכה זיין צו א זון וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה, און דאס געווען רש"י הקדוש.

נשמת רש"י הק' בזכות קדושת ביהמ"ד

דער טאהשער רבי ז"ל האט דערציילט, אז רש"י'ס זיידע האט געהייסן ר' יעקב, וואס פלעגט זיך פירן אויסצוריייניגן דעם ביהמ"ד פארן ארון הקודש מיט זיין בארד (דאס הייסט, ס'האט אים געברענט צו מכבד זיין דעם ביהמ"ד), און אין דעם זכות האט ער זוכה געווען צו אזא אייניקל ווי רש"י הק'.

*

דער אמת איז, אז דער מגן אברהם ברענגט אין שו"ע אורח חיים סימן קנ"א, אז ס'איז געווען איינער ר' יעקב וואס ער האט אויסגעקערט פארן ארון הקודש מיט זיין בארד. און דער טאהש'ער רבי האט געזאגט אז דאס איז געווען דער זיידע פון רש"י הק'.

בראשי"ת - בשביל רש"י ובשביל ר"ת

אין 'מגן אברהם' פון טוריסקער מגיד ברענגט ער צו פונעם פאטער הרה"ק דער טשערנאבלער מגיד זצ"ל, אז בראשי"ת איז ר"ת 'ב'שביל ר'בי ש'למה י'צחק' - אז וועגן רש"י הק' אליין איז ווערד געווען צו באשאפן די גאנצע בריאה, די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב רש"י.

דער טוריסקער מגיד איז מוסף אויף דעם טאטנ'ס ווערטער, 'און איך זאג, אז די וועלט איז אויך באשאפן געווארן וועגן רש"י'ס אייניקל, דער רבינו ת"ם, און בראשי"ת איז אויך ר"ת ב'שביל ר'בינו ת'ם.

שמחת החיים

ואם היו תהי' לאיש

נאכן געבוירן ווערן, **ווילאנג דויערט אז די אויגן זאלן זיך עפענען....**

ביי די **קיען** איז דאס **תיכף ביים זייער געבורט**, ביי די **ציגעלעך** איז דאס **2 שעה נאך זייער געבורט**, די **קעץ** עפענען זייערע אויגן נאך **6 טעג**, די **הינט** נאך **10 טעג....**, און להבדיל פאר א **מענטש** עפענען זיך די אויגן, **נאך די חתונה...**

חמשת מלכי מדין

א **גוט זאגער** האט געזאגט, וואס איז די חילוק צווישן א **פאליטיקאנט** און א **גנב?** איינעם **ווערסטו אויס**, און די צווייטער **וועלט דיך אויס.....**

ואת מלכי מדין הרגו על חלליהם

אז א פליג פאלט אריין אין א גלעזל קאווע:

דער **איטאליענער:** ווארפט אוועק דאס גלעזל, צעברעכט עס, און גייט זיך אוועק מיט א כעס.

דער **דייטש:** וואשט אויס דאס גלעזל מיט פארזיכטיגקייט, מאכט עס סטעריל, און מאכט א ניי גלעזל קאווע.

דער **פראנצויז:** נעמט ארויס די פליג, און טרינקט אויס די קאווע.

דער **כינעזער:** עסט אויף די פליג און ווארפט אוועק די קאווע.

דער **רוס:** טרינקט אויס די קאווע מיט דער פליג, ווייל עס איז געווען א תוספת בחינם.

דער **ישראלי:** פארקויפט די קאווע פאר'ן פראנצויז, פארקויפט די פליג פאר'ן כינעזער, פארקויפט דאס גלעזל פאר'ן איטאליענער, טרינקט א גלעזל טיי, און ניצט דאס איבעריגע געלט **אויסצוטראפן אן המצאה** וואס לאזט נישט פליגן אריינפאלן אין קאווע.

דער **פאלעסטינער:** באשולדיגט דעם ישראלי אז די פליג איז אריינגעפאלן אין זיין קאווע, פראטעסטירט די אגרעסיווע אטאקע ביי די יו-ען, נעמט א הלוואה פונעם אייראפעאישן פאראיין צו קויפן א ניי גלעזל קאווע, ניצט דאס געלט צו קויפן **אויפרייס שטאף**, און דערנאך **בלאזט אויף די קאווע-שטיבל** וואו דער איטאליענער, דער פראנצויז, דער כינעזער, דער דייטש, און דער רוס פרובירן אלע מסביר זיין פאר'ן ישראלי אז ער זאל **אוועקגעבן זיין גלעזל קאווע** פאר'ן פאלעסטינער כדי עס זאל זיין שלום....

ואת כל עריהם במושבותם

די משנה זאגט (אבות ה') **'גלות בא לעולם, על עבודה זרה, ועל גילוי עריות, ועל שפיכת דמים, ועל שמיטות קרקעות'**, קען מען זאגן **בדרך צחות** אז מען רעדט פונעם **גלות** וואס הייסט **'קאנטרי'** (א גלות בתוך הגלות), דער עולם פארט אין קאנטרי ווייל די **גוי'אישע שטאט** איז נעבעך פול מיט די **דריי גרויסע עבירות**, (קשה ישיבת כרכים), און אויך וועגן **'שמיטות קרקעות'** אין שטאט איז **נישט דא קיין פארקינג....**

את האחז אחד מן החמשים

א **פריילעך יודל** האט געזאגט, פארוואס לייגן די **עלטערע יודן** זייערע **ברילן אויפן שפיץ נאז?**, ווייל די טבע איז, אז ווען איין **חוש ארבעט שוואכער**, ארבעטן די **אנדערע חושים בעסער**, וועגן דעם לייגן די עלטערע יודן די **ברילן אויפן שפיץ נאז**, כדי אפצושוואכן דעם **'חוש הריח'**, אזוי ארום וועט די **'חוש הראייה'** בעסער ארבעטן.....

ואת כל עריהם במושבותם

א **בני ברק'ער** איינוואוינער וואס האט געהאט **ריעל עסטעיט** (real estate) האט זיך **אויסגערעדט צו זיינס א חבר**, איך האב געהערט זאגן, אז די **פרייז פון די הייזער האלטן ביים פאלן**, איך קען נאך ארויסגיין מיט א גרויסן שאדן.

האט איהם זיין חבר געענטפערט, **דארפסט דיך נישט זארגן**, דא אין בני ברק איז דא אן **הבטחה פון 'חזון איש'**, אז גארנישט וועט דא פאלן....

וממחציתם תקחו ונתתה לאלעזר הכהן

הרה"ק ר' שלמה קארלינער זי"ע האט געזאגט, דאס ווארט **תהלים** איז נוטריקון **ל'א ת'קפוץ י'דך מ'אחיך ה'אביון**, דו זאלסט **נישט צוריק האלטן דיין האנט** פון דיין ארימער ברודער, האט דער צדיק געזאגט, דאס וואס עס שטייט פון **של"ה הקדוש** אז מען זאל **זאגן תהלים פארן דאווענען**, האט דערין אויך די כוונה פון **געבן צדקה פארן דאווענען**, אזוי ווי די גמרא זאגט, **'יהיב פרוטה לעני והדר מצלי'**, מען זאל געבן געלט פארן ארימאן, און דערנאך זאל מען דאווענען....

אך במי נדה יתחטא

איינער האט געזאגט, עס מוז זיין אז דער **עולם** וואס איז אין **קאנטרי**, זיי מאכן **שמוציג די מקוה**, והא ראי' א גאנצן זומער איז די **מקוה אין די שטאט זויבער**, און די מקוה אין די **קאנטרי איז שמוציג.....**, און ווען די **קאנטרי יודן** קומען צוריק אין **שטאט**, איז די **מקוה אין שטאט ווידער שמוציג.....**

ומקנה רב היו לבני ראובן

עס איז געווען א יוד א **גרויסער נגיד** וואס ער איז **נפטר געווארן**, ער האט איבערגעלאזט א **גרויסע ירושה**, די משפחה

104 עמודים
דברי תורה
סיפורי צדיקים
יומא דהילולא
אַ אמת'ער
עונג שבת
בס"ד
גליונות
לשבת קודש
גליונות של דברי תורה
וסיפורי צדיקים
וְהָיוּ תוֹצְאֹתָיו
יָם הַמֶּלַח
פרשת
מטות מסעי
תשפ"ה
חזק חזק ונתחזק!
לשון קודש
אידיש
ENGLISH
צו באקומען יעדע וואך אין די געשעפטן
פאר האלסעיל רופט 615-6809029